בס"ד

# מבאר רבותינו

כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים

שנה כ"ז גליון מ"ג (אלף שמ"ט) פרשת ראה
כ"ה מנחם אב תשפ"ו לפ"ק

לע"נ מרן הגה"צ רבי שמואל בן רבי יחזקאל שרגא זצ"ל מנאנאש, והרבנית הצדקנית מרת אסתר בת הר"ר יצחק ז"ל

הדלקה"נ: ברוקלין 7:49 = מאנסי - קרית יואל: 7:51 = לונדון: 8:24 = אנטווערפען: 9:04
מוצשב"ק: ברוקלין 9:15 = מאנסי - קרית יואל: 9:18 = לונדון: 9:49 = אנטווערפען: 10:29

## מעשי גדולים

**די מחסורו אשר יחסר לו** (ט"ו ח'). כל עני שהיה נכנס אליו [להגה"ק רבי שלמה זלמן עהרנרייך זצ"ל, אבד"ק **שאמלויא**] לבקש ממנו כתב המלצה היה מקבלו בסבר פנים יפות, ונתן לו מבוקשו בדברים חמים היוצאים מן הלב הקוראים להחלץ לעזרו, ואמר בשם הגה"ק **משינאווע** זצ"ל שמרומז בפסוק די מחסורו אשר יחסר לו" ס"ת גימטריא כתב, לרמז בזה שצריך לתת "כתב" המלצה לעני, והוסיף רבינו [משאמלויא] על דבריו, למה נרמז זה רק בסופי תיבות ולא בר"ת, לומר לך שלא יסתפק האדם בנתינת כתב המלצה לבד אלא קודם צריך להתעסק עם העני בעושה ומעשה, די מחסורו אשר יחסר לו, ורק בסוף יתן לו כתב, ודפח"ח. (הקדמת ס' אבן שלמה עה"ת דף כ"ו)

*

**ולא ירע לבבך בתתך לו** (ט"ו י'). אמר אא"ז [הרה"ק **מצאנז** זי"ע] שמקנא בהרבי רבי הערש [**מרימינוב**] שאם לא היה לו מעות לנתינת צדקה לא היה לו עגמת נפש, ואני באם אין לי ליתן צדקה, נעמט עס מיר ארויס דאס גאנצע כח. אמר שהה"ק מאפטא נתן פעם אחת לעני אחד שלש מאות רובל כסף, ואמר להעני, השי"ת יעזור לי שיקויים בי ואל ירע לבבך בתתך לו, שאל אותו העני, וכי רבינו אינו נותן לי בתשואת חן, אמר, חלילה, אך כונתי מחמת שברצוני היה ליתן לך חמש מאות רובל כסף, וע"ז דאבה לבי באשר אין בכוחי ליתן לך הסכום הלז, ולזה אני מבקש שלא ירע לבבי בתתי לך, אף שברצוני ליתן לך סך מסויים, לא ירע לבבי על שאין בכוחי לתת לך יותר, רק אתן כפי יכולתי בלב שמח. (חמדה גנוזה ח"ב דף צ"ב אות נ"ט)

*

**כל הבכור** (ט"ו י"ט). כידוע פעל רבינו [הרה"ק **מסאטמאר** זי"ע, יודה"ל כ"ו מנ"א] פלאות אצל קריאת התורה, וחילק בעצמו את העליות, פעם אחד בפרשת ראה הי' איזה שמחה, והרה"ח ר' יעקב חיים אמסעל ז"ל הי' קרוב משפחה, והי' אז עדיין חשוך בנים ל"ע, וחילק לו רבינו עליה בפ' כל הבכור, ואמרתי אז: "דע רבי שמירט איהם אן א בכור", וכן הוה שנולד לו בן זכר למז"ט.

(נועם שיח דף נ"ז)

*

## מבאר התורה

# את הברכה אשר תשמעו

## בענין זהירות באמירת ברכות

את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה' אלקיכם (י"א כ"ז). הרה"ק מצאנז זצ"ל שמע פעם איך אחד אמר ברכות השחר בלחש, שאף אחד לא שמע, הזכיר לו מה שהתורה אומר: את הברכה, את הברכות שאנחנו אומרים בכל יום, אשר תשמעו, שישמעו ושיכולים לענות אמן, אל מצות ה' אלקיכם, שייך גם למצות. (עטרת חיים)

ויקחו לי תרומה (שמות כ"ה ב'), פירש"י לי לשמי. כל אחד שיזכור את שמי, היינו כשיאמר ברוך אתה ה', יקח אותי לשמי, שבני אדם כשמברכים את שמי אינם מכוונים את ה', הברכה, אך זורקים את הברכה מהפה במרוצה בלי שום כוונת ה', וזהו ויקחו לי לשמי, בעת שיזכירו את שמי וד"ל. (אור יצחק ראדוויל, פרשת תרומה)

והוא באחד ומי ישיבנו ונפשו אותה ויעש (איוב כ"ג י"ג). אומרים על הרה"ק דער הויכער רבי ר' שמעלקא מטורנא זצ"ל שהיה מקפיד שתמיד יהא אחד אשר יענה אמן אחר ברכתו, ופעם לא היה אחד אצלו שיוכל לענות אמן על הברכה, הרהר לעצמו, הלואי שיהיה כאן מי שיוכל לענות אמן על ברכתי, ובקדושתו נברא מלאך, והוא ענה אמן על הברכה שלו. ובזה פירש הרה"ק המאמר הכתוב והוא באחד ומי ישיבנו ונפשו אותה ויעש, וכן בפיוט (לשחרית דיום ב' דר"ה) אומרים והוא באחד ומי ישיבנו ונפשו איותה ויעש נורא וקדוש, והכוונה שאם הוא באחד, דהיינו יושב ביחיד, ומי ישיבנו, שישיבו ויענה אמן אחר ברכתו, ונפשו אותה, שיענו אמן, אחר ברכותיו, ויעש נורא וקדוש, שיברא מלאך הנקרא נורא וקדוש, והוא יענה אמן. (נאמנים ונחמדים ח"א דף ד')

רבינו [הרה"ק בעל אור המאיר מזיטאמיר זצ"ל] מצא בתחילה את פרנסתו מבית מזיגה קטן שהחזיק בביתו. ויסופר כי פעם אחת נכנס לבית מזיגתו בעל עגלה יהודי, ומרוב חפזון רצה להכניס המשקה לפיו מבלי לברך, עכבו רבי זאב, ויאמר לו: היודע אתה ממה עושין היי"ש, מפני כבודו של רבי זאב לא מצא בעל העגלה עוז לדחותו מבלי לשמוע דבריו, אך ביקש ממנו לבל יעכבו יותר מדי בדברים, כי נחפז הוא לדרכו ונפשו צמאה מאד לטיפת היי"ש. ותיאר לפניו רבי זאב את רוב העמל היגיעה בעסק היי"ש מאז חרישת השדה, זריעת החטה, קצירתה, בירורה, טחינתה, ועשיית היי"ש ממנה, עד שנמצאת ראויה לשתיה, ויוסף ויאמר לו: דע בני, כי הרבה ניצוצי נשמות מתגלגלים אף בדוממים, ויש אשר ניצוץ של נשמה מתגלגלת בגרעין חטה, ואזי ניצוץ זה משתוקק מאד שהחטה בו הוא נמצא תהיה החטה שתמצא ראויה לעשות ממנה מאכל או משקה כדי שיהודי יברך עליה, ובברכתו יתקנה ויעלה אותה למקומה, כמה תחינות ובקשות מפילה ניצוץ נשמה זו מאז עלה בגורלה לשכון בדומם זה, כי עד גמר העיסוק בה הרי היא ירא ופוחדת פן יעלה בגורלה להיות בין הסולת והסובין המתרבים בכל אחד מאופני תיקונה ועשיתה, ומה מאד רבתה שמחתה ותיקונה בעלות גורלה להיות ראויה לברכה, ואז עומדת משתוקקת ומצפה לרגע המיוחל בה, שיקנה אותה יהודי ויברך עליה, ניצוץ זה יכול להיות לפעמים אף אביו של השותה, ואולי באמת ניצוץ זה הוא של אביך, ועתה תאר לעצמך איזה אכזבה עמוקה וצער גדול תגרום לניצוץ זה כאשר תחטפנה ותכניסנה לפיך מבלי לברך עליה.

לשמע הדברים נשאר בעל העגלה לעמוד כמשתומם, לפתע עולה בזכרונו והלא היום היארצייט של אבי, האם אין הדברים מכוונים אלי במיוחד, מרוב פחד ויראה נפל כמתעלף, אחר אשר התאושש קצת, הושיט לו רבי זאב את הכוס שיברך עליו שהכל, כשרבי זאב מאזין היטב לברכתו ועונה עליו בכונה גדולה אמן. (אהלי צדיקים)

בימי הרה"ק מלובלין זצ"ל הי' איש פשוט וסוחר שכאשר ראה בכל ההזדמנות האיך שחסידי הרה"ק מלובלין נוסעים לקבל פני רבם הקדוש ומכינים עצמן בהכנה דרבה קודם הנסיעה, רצה גם הוא ליסע עמהם, וכן הווה שפ"א קודם יו"ט נסע עמהם, ובחזירתם אחר יו"ט מהרה"ק, אמר כ"א לחבירו מה שקיבל על עצמו דבר חדש בעבודת השי"ת ממה שראה אצל הרה"ק, והאיש הזה אמר שהוא קיבל על עצמו שהיות שראה שבכל פעם שהרה"ק בירך ברכה אחת לבש לזה בגד מיוחד, ע"כ גם הוא קיבל על עצמו כזאת, וכאשר נתפרד מאתם באמצע הדרך לילך למסחריו והי' במלון הסיתו היצר הרע לעבור עבירה, אבל מיד הי' צמא למים והי' צריך לשתות, וכאשר לבש הבגד המיוחד לברך קודם השתי' הי' נראה לפניו דמות דיוקנו של הרה"ק מלובלין וזה הפעיל שלא עבר העבירה. (מרן הגה"צ מנאנאש זצ"ל)

## עובדא דשמואל סיפורי צדיקים שנשמעו ממרן הגה"צ מנאנאש זצ"ל [שמט]

**אלף תשעה / בהיכל קדשו.** שמעתי ממרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל [יודה"ל כ"ו אב] על מה דאיתא בספה"ק נועם אלימלך (פרשת נח, בד"ה א"י בדורותיו): הנה בכל דור ודור יש שורש לתקן מצוה מיודת יותר משאר מצות, למשל בדור הזה יש שורש לתקן מצות ציצית יותר משאר מצות, וכדומה בכל דור יש שורש להחזיק במצוה מיוחדת יותר משאר מצות עכ"ל. ובדור הזה אמר מרן זצ"ל הוא הכפירה והציונות שצריכין לתקן יותר משאר דברים, שהבעל דבר משקיע כל הכוחות בזה.

**אלף תשעו / בהיכל קדשו.** דכירנא שפ"א ביום הפורים עלה הגה"צ רבי יהושע העשיל דייטש זצ"ל מפריימאן על שלחנו של מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל בעת משתה היין, ואמר לעומתו כדי לעורר רחמים על הגאולה שלימה: צדיקים קענען ברענגן משיח, נאר זיי ווילען נישט. ענה לו מרן זצ"ל: זיי זענען נישט אזעלעכע שלעכטע [היינו דבאם היה ביכלתם להביא אותו, בוודאי שהיו עושין זאת, אלא מאי שאין דבר הזה ביכלתם].

**אלף תשעז / בהיכל קדשו.** דכירנא שפ"א בימי הקיץ כאשר מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל הי' בעיירה שעראן ספרינגס למנוחת הנפש, כתבו אז המכתבי עת הידועים לשמצה הפארווערטס והמארגן זשורנאל דברי בוז וקלון וליצנות על מרן זצ"ל באופן הגרוע ביותר, ואמר אז מרן זצ"ל בתוך דברי תורתו אצל סעודת הילולא של זקינו הרה"ק בעל ייטב לב מסיגעט זצ"ל את הפסוק (דברים כ' ג') אל ירך לבבכם אל תיראו ואל תחפזו ואל תערצו מפניהם, ואמרו בדרך שהיו משמע מתוך דבריו הק' חיזוק שלא יעשו דבריהם רושם כלל, ואל יפחדו ממה שמבזין אותו.

**אלף תשעח / בהיכל קדשו.** ביום כ"א כסליו שנת תש"י לפ"ק כאשר ערך מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל מסיבה לרגל יום השיחרור שניצל בחסדי השי"ת ממחנות ההשמדה, אמר בלשו"ק: די אלע וואס האבן דורכגעמאכט די אלע צרות [בעת המלחמה], האט מען אלע עבירות מוחל געווען, אבער מכאן ואילך דארף מען זיך אכט געבן [ועיי' בזוה"ק פרשת נשא קפ"ב ע"א]. (מפי כ"ק אדמו"ר רבי שמואל צבי מספינקא זצ"ל)

**אלף תשעט / בהיכל קדשו.** כאשר שבת מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל בהיותו אברך בבעלזא אצל הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זצ"ל על שב"ק פרשת כי תשא, לא רצה מרן זצ"ל לילך לביהמ"ד לבוש עם הטילעפ, והניחו בבית האכסניא שהי' ממול הביהמ"ד, ולאחר התפלה כאשר ניגש לומר גוט שבת להרה"ק מבעלזא, שאל לו היכן הטילעפ שלו, באמרו: א אינגערמאן דארף זיך אכטונג געבן [מפני הקור]. והי' נראה כאילו סמיכה, שדואג עבורו.

**אלף תשפ / בהיכל קדשו.** ידוע שעפ"י הלכה כשר לאפות מצה לחג הפסח רק בדבר שיכול לבא לידי חימוץ (עיי' שו"ע או"ח הלכות פסח סי' תנ"ג). וכאשר הגאון הגדול רבי יונתן שטייף זצ"ל אבד"ק עדת יראים וויען הי' פ"א לביקור אצל מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל בהיכל קדשו, דיברו אודות מצות שנעשה ע"י מכונה [מאשין מצות], אשר בקהלת וויען אפו בימים ההם מצות אלו, והוא אמר למרן זצ"ל שהמצות נעשים באופן כזה אשר א"א שיחמיצו, אמר לו מרן זצ"ל בצחות: א"כ הלא אינו כשר למצות כלל, שהלא אין יכולים להחמיץ.

# דער קוואל פון צדיקים

## דערציילונגען פון רבותינו הקדושים צו זייער יארצייט

יארצייט פון
הגאון הקדוש מרן
**רבי ברוך אברהם בינדיגער** זי"ע
א' אלול שנת תרל"ה לפ"ק

הגה"ק רבי ברוך אברהם בינדיגער פון האנישאוויץ זצ"ל איז געבוירן שנת תקמ"ט לפ"ק, צו זיין טאטע רבי שרגא פייוול זצ"ל, אייניקל בן אחר בן פון הגאון רבי שמואל זצ"ל בעל בית שמואל אויף אבן העזר. ער האט געלערנט ביי זיין פעטער הגאון רבי יוסף חריף זצ"ל פון זבארוב. ער האט זיך מסתופף געווען ביי הרה"ק מלובלין, הרה"ק המגיד מקאזניץ, און זיין זון בעל באר משה מקאזניץ, הרה"ק רבי ר' מאיר'ל מפרעמישלאן, הרה"ק בעל מאור ושמש, הרה"ק מראפשיץ, און זיין איידעם הרה"ק רבי אשר'ל מראפשיץ זצ"ל, און ער איז געווען א מחותן מיט הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זצ"ל. זיין גאנץ לעבן האט ער געלערנט בקדושה וטהרה. ער איז געווען רב קודם אין שטאט ביקאווסק יצ"ו, שנת תרכ"א לפ"ק איז ער געווארן רב אין שטאט האנישאוויץ יצ"ו, און ער האט געפירט זיין קהילה בדרך התורה והיראה, און איז געווען א פועל ישועות בקרב הארץ. ער איז נסתלק געווארן א' אלול שנת תרל"ה לפ"ק, מנוחתו כבוד אין שטאט האנישאוויץ יצ"ו.

נאך זיין פטירה האט מען אים געלייגט אין בית החיים אין שטאט האנישאוויץ אויפ'ן אויבערשטן חלק פונעם בארג. מיט די צייט האבן די ראשי הקהילה פון די שטאט געבויט אן אוהל פון האלץ אויף זיין הייליגן ציון. און דאס איז געווען צוליב וואס איין טאג איז נפטר געווארן אין שטאט א יונג בחור'ל א זון פונעם ראש הקהל, און דער טאטע האט שטארק געקלאגט און געוויינט אויף די פטירה פון זיין יונגן זון, האבן די טובי וראשי העיר און די חברה קדישא באשלאסן צו געבן פאר דעם בחור די בעסטע פלאץ אויפ'ן בית החיים, נעבן דעם ציון פון רבי ברוך אברהם, און אזוי וועט זיך דער טאטע אביסל בארואיגן פון זיין גרויסע צער.

עס איז דורכגעגאנגען עטליכע טעג, און די שטאט מענטשן האבן באמערקט אז צווישן די צוויי קברים איז ארויסגעוואקסן א גרויסע בוים וואס דאס טיילט אפ צווישן דעם קבר פונעם רב רבי ברוך אברהם, מיט דעם בחור. האבן זיי פארשטאנען אז זיי האבן נישט געטון ריכטיג מיט דעם וואס זיי האבן באהאלטן דעם בחור נאנט צום ציון פון רבי ברוך אברהם. האבן זיי באשלאסן צו בויען אן אוהל אויף זיין הייליגן ציון, אפצוטיילן צווישן דעם קבר און אלע אנדערע קברים פון דעם שטאט. (צפירת תפארה דף ס"ח)

*

זיין הייליגער ציון איז געווארן א ווענדפונקט ווי אסאך מענטשן פון שטאט און פון ארום פלעגן זיך צוזאמנעמען און קומען דארט אויסגיסן זייער הארץ און געהאלפן ווערן מיט ישועות ורחמים בזכות דעם גרויסן צדיק.

יעדן יאר אין טאג תשעה באב ביום שריפת בית אלקינו, זענען די שטאט מענטשן געגאנגען אויפ'ן בית החיים, און געמאכט הקפות אויפ'ן בית החיים ווי עס איז געווען איינגעפירט, און ווען זיי זענען אנגעקומען צום אוהל פון רבי ברוך אברהם, האבן זיי זיך דארט אפגעשטעלט, און זיי פלעגן דערציילן פון זיין גוואלדיגע צדקות אין זיין תורה. (צפירת תפארה דף ס"ח)

*

רבי ברוך אברהם איז געווען פון די חשובע וואס זענען געזעסן אויבנאן ביים טיש פון הרה"ק **מלובלין** זצ"ל, און ער האט געהאט זיין באשטימטע פלאץ ביים טיש צווישן די גרויסע חברייא קדישא וואס זענען געגאנגען אנגעטון מיט ווייסע בעקיטשעס, און ער איז געזעסן די צוויי און צוואנציגסטע ביים טיש. (שם דף מ"ה)

*

הרה"ק **מצאנז** זצ"ל האט ארויסגעוויזן פאר רבי ברוך אברהם גאר א גוואלדיגע ליבשאפט און חשיבות, און ער האט אים פאררעכנט פאר א גאון וקדוש און פועל ישועות, און ווען עס פלעגן קומען צו אים חסידים פון שטאט האנישאוויץ, פלעגט דער צאנזער רב זיי זאגן: אונגארישע נארנים, זיי האבן אזא צדיק ביי זיך אין שטאט, קומען זיי צו מיר. (שם דף נ"ח)

*

ביי הרה"ק רבי ר' צבי הירש **מרימנוב** זצ"ל זענען ל"ע נפטר געווארן צוועלף קינדער רח"ל ביי זיין לעבן. ווען זיין לעצטער קינד הרה"ק רבי יוסף הכהן **מרימנוב** זצ"ל איז קראנק געווארן אלס קינד, איז זיין רעבעצין אריינגעגאנגען צו אים ער זאל ערוועקן רחמי שמים אויף זיין איינציגסטע זון וואס ער האט נאך, און ער שוועבט צווישן לעבן און טויט רח"ל, ווען רבי ר' הערש מרימנוב האט געהערט אירע ווערטער, האט ער געשיקט א ספעציעלע שליח צום שטאט ביקאווסק וואו רבי ברוך אברהם איז דעמאלטס געווען רב, אים צו בעטן ער זאל שיקן איינע פון זיינע קליידער כדי מיט דעם ארומוויקלען דעם קראנקען קינד מיט זיין הייליגן מלבוש, וואס דאס זאל באשיצען אויפן קינד צו ווערן אויסגעהיילט פון זיין מחלה. אזוי איז טאקע געווען, דער שליח איז צוריקגעקומען פון ביקאווסק מיט א מלבוש פון רבי ברוך אברהם, און מען האט מיט דעם ארומגעוויקלט דעם קראנקן קינד, און נאך עטליכע טעג איז ער געווארן אויסגעהיילט, און ער האט מאריך ימים געווען נאך אסאך לאנגע יארן. (שם דף ס"א)

*

עס איז געווען אן אומגליקליכע פרוי אן עגונה ל"ע, וואס פלעגט צוהעלפן די רעביצין פון רבי ברוך אברהם מיט די שטוב ווירטשאפט. אמאל האט זיך די פרוי אפגערעדט פאר די רביצין אויף איר שווערע מצב, און זי איז געבליבן אליין, און זי האט נישט קיין שום וואוסענשאפט וואו איר מאן קען זיך געפינען, אז זי זאל קענען ארויסגיין פון איר ענגשאפט. האט איר די רעבעצין געגעבן א עצה אז זי זאל אנגרייטן א קאווע פאר איר הייליגן מאן, און דעמאלטס וועט זי האבן א געלעגנהייט זיך אפצורעדן פאר אים אויף איר גרויסע צרה, און זי וועט אוודאי געהאלפן ווערן.

די עגונה האט טאקע אנגעגרייט א קאווע פאר רבי ברוך אברהם, און זי האט דעמאלטס געפונען די געלעגנהייט, און האט אויסגעגאסן איר צובראכן הארץ אויף איר שרעקליכע מצב, וואס שוין א לאנגע צייט איז זי געבליבן אן עגונה פון איר מאן, און זי ווייסט נישט וואו ער געפינט זיך, און איר לעבן איז זייער פארביטערט. ווען ער האט עס געהערט, האט ער איר געזאגט מיט גרויס עניוות, וואס קען איך דיר דען העלפן, האט די פרוי זיך אנגערופן מיט טרערן, און מיט איר תמימות האט זי געזאגט: אזוי ווי דער רבי מישט די קאווע, קען דאך דער רבי דרייען די וועלט די זעלבע, און זיכער געפינען וואו מיין מאן איז. אין א קורצע צייט שפעטער איז טאקע דער מאן אנגעקומען דארט אין שטאט, און זי איז געהאלפן געווארן פון איר צרה, און די גאנצע שטאט איז געווען פארוואונדערט פון די גוואלדיגע מופת. (שם דף ס"ב)

*

ווען רבי ברוך אברהם איז געווען רב אין שטאט ביקאווסק, האט ער געהאט אויסצושטיין פון אסאך בעלי מחלוקת און מענטשן וואס האבן אים אפגעטון צרות. אמאל שבת קודש פארטאגס ווען ער איז געזעצן אליין אין בית המדרש און געלערנט, איז אריינגעגאנגען די גוי'טע וואס פלעגט צוהעלפן אין בית המדרש אנצוהייצן דעם אויוון, אנצואווארעמען דעם בית המדרש פאר די שטאט מענטשן וועלן קומען דאווענען שחרית. איז געקומען איינער וואס האט אים געטשעפעט און פארמאכט די טיר ווען זי איז געווען אינעווייניג אין בית המדרש און זי איז געבליבן נאר מיט אים. אזוי ווי רבי ברוך אברהם האט באמערקט אז ער איז געבליבן ביחוד מיט די גוי'טע, האט ער זיך געאיילט מיט זיין גרויס הייליגקייט און איז ארויסגעטאנצן פון בית המדרש דורכ'ן פענסטער כדי נישט נכשל צו ווערן מיט איסור יחוד אפילו איין רגע. און דעמאלטס האט ער באשלאסן אז עס איז שוין איבערגעפילט געווארן דאס מעסטל, און עס איז שוין געקומען די צייט אוועקצוגיין פון דעם שטאט צוליב די מחלוקת. (שם דף ס"ג)

*

רבי ברוך אברהם האט געליטן אסאך ווייטאג פון מורסא וואס פלעגט רינען פון זיינע הייליגע הענט, און ער איז געגאנגען צו דאקטוירים, און זיי האבן גארנישט געקענט אים העלפן. זיינע מקורבים האבן אים געגעבן אן עצה ער זאל פארן צו הרה"ק רבי שלום **מבעלזא** זצ"ל, וואס ער פלעגט אויסהיילן קראנקע ווען ער האט זיי אנגעכאפט מיט זיין האנט. און ער איז געפארן קיין בעלזא, ווען ער איז אנגעקומען און איז אריין צום בעלזער רב, האט ער אים אויפגענומען מיט א גאר גוואלדיגע כבוד און ליבשאפט, און זיי זענען פאר א לאנגע צייט געזיצן און פארברענגט, ביז ער האט פארגעסן פארוואס ער איז געקומען קיין בעלזא, און ער האט נישט דערמאנט אפילו קיין אייןווארט פון זיין קרענק, און ער איז אהיימגעפארן.

אנפאנג זייענדיג אויפ'ן וועג צוריק אהיים האט ער געשפירט ווייטער ווייטאג אין זיינע הענט, האט ער זיך דערמאנט פארוואס ער איז געפארן קיין בעלזא, און ער האט געהייסן דעם בעל עגלה זיך צוריקדרייען, און ער האט זיך מזכיר געווען פארן בעלזער רב. און דעמאלטס האט ער אים געוואונטשן מיט א רפואה שלימה, און ער האט אריבערגעפירט זיינע הייליגע הענט אהין און צוריק אויף זיינע הענט, ביז ער איז אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן. (שם דף נ"ז)

*

רבי ברוך אברהם האט עוסק געווען בתורה בקדושה ובטהרה, און הרה"ק רבי מאיר **מפרעמישלאן** זצ"ל, און הרה"ק **מצאנז** זצ"ל האבן עדות געזאגט אז ער איז אנגעקומען צו די מדריגה פון לערנען תורה לשמה. (מליצי יושר בערכו)

*

רבי ברוך אברהם האט איבערגעלאזט נאך זיך פילע כתבים און חידושי תורה, אבער ער האט נישט געוואלט הנאה האבן פון דעם, האט ער פאר זיין פטירה צוזאמגענומען אלע זיינע חידושי תורה און עס פארברענט אין פייער, און עס איז נישט איבערגעבליבן אפילו איין שטיקל דבר תורה פון אים. (צפירת תפארה דף ס')

*

### תורתו מאירת עינינו יגן לנו ויושר יליץ בעדינו


**אדם אם היה עובר בין הקברות, והיה יודע שצדיק קבור שם,**
**צריך להזכירו במעשיו, אמר שלמה** (משלי י' ז') **זכר צדיק לברכה.** (פסק"ר פי"ב ס"א)
**פארט איר אויף קברי צדיקים ווי אימער אין דער וועלט ?**
די עיקר השתטחות ביי א ציון פון א צדיק איז נאכצוזאגן שמועות ועובדות מפיו כמובא בספה"ק.
איר צאלט אזויפיל געלט פאר די נסיעות, קומט נישט אן צום ציון ווי א פרעמדער, מיר וועלן אייך
צושטעלן א קובץ **"לספר בציון"** מיט געקליבענע סיפורים מיוחד פאר די ציונים ווי איר פארט.
אזוי ווי איר זענט מחליט צו פארן אויף מקומות הקדושים, רופט אריין צו מערכת **"מבאר רבותינו"**
און מיר וועלן אייך צושטעלן בעזהשי"ת א קובץ לויט אייער פארלאנג. 718-218-6817
~ פויעלט אלעס גוטס ~

**אינטערנעט** אפילו מיט אן אזויגערופענעם **גאר גוטן** פילטער [redacted]
איז פארט **גאר שלעכט** פאר א אידישע נשמה



**מבאר רבותינו: 43 LORIMER ST. BROOKLYN N.Y. 11206**
*טעל: 718-218-6817 - פעקס: 718-506-9629*
**במשך שבתות הקיץ אינו מופיע עמוד ג' ועמוד ד' - ואתכם הסליחה**


כל הזכיות שמורות, ואסור להעתיק שום ענין מהגליון בלי רשות המערכת


י"ל ע"י קהל אפסי ארץ ד'נאנאש - בנשיאות הגה"צ רבי אליעזר יוסף פאללאק שליט"א